# יודישע אילוסטרירטע צייטונג

**Żydowska gazeta illustrowana.**

Wychodzi każdego piątku.

**Prenumerata wynosi:** Rocznie 10 K. = 5 Rbs. Półrocznie 5 K. = 2.50 Rbs. Kwartalnie K 2.75 = 1.50 Rbs.

Pojedynczy egzemplarz 20 h. = 10 Kop.

**Redakcya i Administracya: Kraków, Grodzka 62.**

**Jüdische Illustrierte Zeitung.**

ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאנאמענטס-פרייז: יעהרליך: 10 קראנען = 5 רובל. האלביעהריג 5 קראנען = 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2.75 קראנען, = 1.50 רובל.

איינצעלנע נומער 20 העללער = 10 קאפ.

אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק, האלביעהריג 7.50 פיערטעליעהריג 4 פראנק.

רעדאקציאן און אדמיניסטראציאן: קראקא גראדסקא 62. טעלעפאן נר' 412.

עסטערר. פאסטשפארקאסען-קאנטא נר' 57,341.

הויפטפערטרעטונג פאר רוסלאנד: י. מערעצקי, ווארשא, כמיעלנא נר' 49. פיליע אין לאדז: פרזעיאזד נר' 16

הויפטפערטרעטונג פאר רומעניען: דאוויד הערצבערג, יאסי, סטר. סאראריע נר' 151.


## אייזענבאהן-קאטאסטראפע אין לעמבערג.



אייזענבאהן-קאטאסטראפע אין לעמבערג: ביי א צוזאמענשטויס צווישען א פּערזאָנענצוג און א לאָקאָמאָטיווע אים באַהנהויף פּאָדזאַמטשע ווערען 48 פּערזאָנען פּערוואונדעט.

## גראטיס-ביילאגע די „הבדלה" נו' 3.

# פון דער אדמיניסטראציע.

מיט דער היינטיגער נומער הייבט זיך אן דאס דריטע קווארטאל, און מיר דערמאַנען דיעיעניגע אַבּאָנענטען, וואס האבען די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג" אַבּאנירט בּלויז אויף א האלב יאהר אדער אויף'ן צווייטען קווארטאַל, זיי זאלען דאס אַבּאָנעמענט רעכטצייטיג ערנייערן, כדי מיר זאַלען נישט אונטערברעכען די צושטעלונג פון'ם בּלאַט.

פאסטשעקס האבען מיר אַלע דיעזע אַבּאָנענטען צו פאריגער נומער בייגעלעגט.

צו דער איצטיגער קור־סאיזאן ווענען מיר מודיע, אַז די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג" איז צו בּעקומען אין אַלע גרויסע קור־ערטער. וואו עס איז נישט פאַרהאנען, בּרויכען עס די לעזער נור צו פאדערן בּיי די צייטונגס־פערשלייסער און אים קורזאַאַל, וועט מען עס שוין זיכער בּעציעהען.

מען קען אויך אַבּאָנירען דאס בּלאַט אויף אַ מאנאַט, צוצושיקען אין יעדער קוראָרט פאַר ו קראנע. ד עקספּעדיציע געשעהט פּינקטליך.

---

# די קרעטא־פראגע.

די מעכטע ענגלאנד, רוסלאנד, פראַנקרייך און איטאליען האבען ארויסגעגעבען א אָפּיציעלע ידיעה, אַז אַם 27 יולי וועלען זיי צוריקציעהען זייער מיליטער פון דער אינזעל קרעטא. נאר כדי עס זאל אין דעם שטאאטס־רעכטליכען פערהעלטניס פון דער אינזעל נישט איינטרעטען קיין שום ענדערונג, וועלען די פלאַגען פון דיעזע מעכטע ווייטער בלייבען אויף די פעסטונגען נעבען דער טירקישען פלאגע, און יעדע מאכט וועט האבען שטעהען אין האפען פון קרעטא א קריעגסשיף מיט זאלדאטען, כדי אים נויטהיגען פאל צו קענען ווידער די אינזעל [illegible].

די מעכטע פאדערן ווייטער אויף די בעפעלקערונג, זיך צו פערהאלטען רוהיג און נישט ארויסצורופען קיין קאנפליקטע און רעוואלוציעס.

מיט דעם קאָמוניקע גלויבען די אייראָפּעאישע פּאָליטיקער, צו בעזיעגען די רעוואלוציאָנערע בעוועגונג פון די קרעטענזער. אבער דאס איז בלויז א זעלבסט טיישונג. די קרעטענזער ערווארטען שוין מיט זעהנזוכט די מינוט, ווען די אייראפעאישע טרופען וועלען פערלאזען די אינזעל און זיי וועלען נישט צעגערן א מינוט, אבצו־



די קרעטא־פראגע: די איצטיגע רעגירונג פון קרעטא.

וואַרפען פון זיך די טירקישע הערשאפט און צו זעהלען דעפוטירטע צום גריעכישען פאַרלאמענט...

די איצטיגע רעגירונג פון דער אינזעל, וואס מיר ברענגען איהר בילד אין היינטיגער נומער, איז אויך ענטשלאָסען, נישט צו צעגערן מיט דער ענטשיידונג און דער איסבּרוך פון א אויפשטאנד נעגען די טירקישע הערשאפט איז א זיכערע זאך...

די טירקיי רעכענט עבען דאמיט און זי מאכט אלע הכנות צום קריעג. אין סאלאניק שטעהט שוין א שטאַרקע טירקישע אַרמעע און אויך די קאָרפּס פון אדריאנאפעל און אנאַטאליען שטעהען גרייט צום מארש קיין גריעכענלאַנד.

בּנוגע צו דער שטערקע פון די ביידע אַרמעען, איז דאס טירקישע סאלאניקער קארפּס אליין שטאַרקער אין צאהל פון דער גאנצער גריעכישער אַרמעע, שוין נישט גערעדט פון דער טיכטינקייט וועלכע איז ביי די טירקען פיעל בעסער ווי ביי די גריעכען.

די מפלה פון די גריעכען אין א קריעג קעגען די טירקען איז א זיכערע זאַך... ווי האפען אבער, אז אויך דאסמאל וועלען זיך דערנאך די מעכטע פאר זיי אננעהמען.

# ערעפנונג פון דער טויערן־באַהן.

דיעזען זונטאַג איז אין געגענווארט פון קאיזער פראנץ יאזעף די לעצטע שטרעקע פון דער טויערן־באַהן, באַד־גאַסטיין — שפּיטאל, ערעפנעט געוואָרען.

מיט דעם ווערד די נייע באהן, איינע פון די שוויערינסטע טעכנישע ווערקע, איבערגעגעבען דעם וועלט־פערקעהר.

די טויערן־באַהן שטעלט פאר די צווייטע פער־בינדונג צווישען וויען און טריעסט. זי קרייצט דורך די שענסטע און ראמאנטישעסטע געגענדען פון די אלפען און דער פוי נעהערט צו די קיהנסטע מייסטערווערקע פון דער וועלט.

אבער נישט בלויז קינסטלעריש און שען איז דיעזע שטרעקע, נאר אויך זעהר פראקטיש. דורך דיעזער באהן ווערד דער וועג פון די עסטרייכישע לענדער און פון זידדייטשלאנד קיין טריעסט פיעל קורצער אלס ביזהער און דאס וועט פוודאי לענקען דעם הויפּטפערקעהר פון אלע דיעזע געגענדען קיין טריעסט.

אזוי איז איצט דער וועג צווישען וויען און טריעסט קורצער מיט 24 קילאמעטער ווי ביזהער, פון קלאגענפורט 111, פון קופשטיין 161, פון בודוויז 121, פון פּראַג 111, פון עגער 204, פון לייפּציג 204, פון אולם 180, פון מינכען 179, פון רעגענסבורג 204 קילאמעטער.

דער וועג פון באיערן קיין טריעסט, איז איצט קורצער ווי קיין האמבורג, און ס'איז צו ערווארטען אז דער הויפּטפערקעהר פון עסטערייך און זידדייטשלאַנד וועט זיך איצט ווענדען קיין טריעסט און דער איינציגער גרויסער עסטערייכישער האפען וועט בעקומען א וועלט־בעדייטונג.

די טויערן־באַהן איז אויך מיליטער־סטראַטעגיש זעהר וויכטיג און אים קריעגספאל וועט זיך דער מילי־





ערעפנונג פון דער טויערנבאהן: 1) דער טויערנטונעל. 2) די אינערטהאלב ויה.



א שפיאנאזשע פראצעס: דער אנגעקלאגטער דירטש.

טער-טראנספארט אין יענע לענדער אפשפיעלען פיעל שנעלער און איינפאכער ווי ביזהער.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער צוויי אריגינעלע בילדער פון דער נייער באהן.

# די קריזע אין דייטשלאנד.

נאך א 12-יעהריגער טהעטיגקייט וועט איצט דער דייטשער רייכסקאנצלער פירסט בילאוו, צוריקטרעטען פון זיין אמט. — א צייט לאנג איז ער געווען בעליעבט ביים פאלק, פערהעטשעלט פון דער פרעסע און שטארק אנגעזעהען ביים קאיזער ווילהעלם.

ער איז א גלענצענדער רעדנער, א שלאגפערטיגער דעבאטער, און ווען ער האט אויך נישט בעוויזען קיין גרויסע גבורות, ווי למשל ביסמארק, האט ער דאך אין דער אייסערען פאליטיק געהאט עטליכע גרויסע ערפאלגע.

אבער אין דער אינערען פאליטיק האט פירסט בילאוו קיין גליק געהאט. ער איז פאר די קאנזערוואטיווען, די ארעליגען אין דייטשלאנד, געבליעבען תמיד א "ליבעראלער בירגער" און ווי ער האט זיך נישט געמענט צושמייכלען צו זיי, האבען זיי צו איהם נישט געהאט



די קריזע אין דייטשלאנד: פירסט בילאוו בעט ביים קאיזער זיין דעמיסיע.

קיין פערטרויען און א-ויסגעקוקט אויף דער געלעגענהייט, איהם אראבצוווארפען פונ'ם בענקעל...

איצט איז זיי דאס געלונגען, זייט לעצטען נאוועמבער האט פירסט בילאוו פערלוירען דעם חן ביים קאיזער. דעמאלט האט מען אים רייכסטאג פערלאנגט, אז דער דייטשער קאיזער זאל אויפהערען צו האלטען עפענטליכע רעדעס און האבען אונטערערדונגען מיט אויסלענדישע צייטונגס-קארעספאנדענטען, וויל דאס מאכט א שלעכטען איינדרוק אין דער וועלט. פירסט בילאוו האט דעמאלט דעם קאיזער נישט גענוג ענערגיש פערטהיידיגט. אדרבה, ער האט ערקלערט, אז ער אליין איז אויך נישט-צופריעדען מיט דעם קאיזער'ס פארנעהמען.

קאיזער ווילהעלם האט דעמאלט אלעס אנגענומען בשתיקה, אבער אין זיין הארץ האט זיך געגען בילאוו געבילדעט א געוויסע פרעמדקייט. און די קאנזערוואטיווען, וועלכע זענען תמיד גענוי אינפארמירט איבער די שטימונג ביים הויף, האבען געזעהן אז איצט די צייט, בילאוו'ן צו שטירצען.

די פערגאנלאסונג דאצו זענען געוועזען די נייע שטייער-פארלאגען. מיט א זעלטענעם עקשנות האבען די קאנזערוואטיווע, פעראייניגט מיט דעם צענטרום און די פוילען, אפגעווארפען אלע אנטרעגע פון דער רעגיערונג און בעשטימט נאר אנדערע שטייער'ן, וועלכע די רעגיערונג קען נישט אקצעפטירען.

פאר פירסט בילאוו איז נישט געבליעבען קיין אנדערער וועג, ווי צוריקצוטרעטען. ער איז געפאהרען קיין קיעל, וואו דער קאיזער האט זיך אויפגעהאלטען, און דארט אויף דעם קאיזער'ס שיף, האט ער געבעטען, דער קאיזער זאל איהם בעפרייען פון אמט...

קאיזער ווילהעלם האט צוגעזאגט, בילאוו זאל נאך דערווייל ווייטער בלייבען, ביז די שטייער-פראגע וועט ווערען ערלעדיגט. אבער בילאוו'ס דעמיסיע איז שוין אזוי ווי אנגענומען. מען שמועסט שוין שטארק וועגען זיין נאכפאלגער.

קאנדידאטען זענען דא עטליכע, צווישען זיי דער שטאט-האלטער פון עלזאס-לאטהרינגען גראף וועדעל, דער ביזהעריגער מיניסטער דעם אינערן באטהמאן-האלוועג, דער באטשאפטער אין טאקיא מומם און דער גענעראל לעווענפעלד. קיין איינציגער פון די קאנדידאטען איז אבער טיכטיגער ווי בילאוו.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א אריגינעל בילד, פארשטעלענדיג דעם מאמענט ווען בילאוו בעט ביים קאיזער זיין דעמיסיע אויף'ן דעק פונ'ם קאיזערליכען יאכט. נעבען קאיזער שטעהט דער קאבינעטס-סעקרעטער וואלענטיני.

# אייזענבאהן קאטאסטראפע אין לעמבערג.

אויף דעם לעמבערגער באהן-האף פאדוואמטשע איז פאריגען דאנערסטאג פארגעקומען א שרעקליכע אייזענבאהן-קאטאסטראפע, ביי וועלכער 48 מענשען זענען פערלעצט געווארען.

דער אונפאל איז געשעהען נעגען 11 א זייגער פארמיטאג. אים באנהאף איז געשטאנען א פערזאנען-צוג, גרייט אפצופאהרען קיין טארנאפאל, בראדי און פאדוואלאטשיסק.

אבער נאך איידער דער צוג איז אבגעגאנגען האט מען פונ'ם צענטראל באנהאף ארויסגעלאזט א לאקאמאטיווע אויף דיזעלבע שיענעס.

דער פיהרער פון דער לאקאמאטיווע האט ערשט ביים אריינפאהרען אין באהנהאף דערזעהען דאס ווארנונגס-סיגנאל, אז די ליניע איז נישט פריי, עס איז אבער נישט מעהר געווען מעגליך צו האלטען די לאקאמאטיווע, וועלכע איז מיט פאלער קראפט אריינגעפאהרען אין דעם פערזאנענצוג.

דער לעצטער וואגאן פונ'ם צוג איז צערשטויסען געווארען אויף שטיקליך, בלויז די רעדער זענען געבליבען גאנץ. אויך דער צווייטער וואגען איז שטארק בעשעדיגט געווארען.



א שפיאנאזשע-פראצעס: דער אנגעקלאגטער מידראקיעוויטש.

די צוויי בעשעדיגטע וואגאנס האבען זיך צוערשט אויפגעהויבען אין דער הויך און דערנאך זענען זיי ווידער אראבגעפאלען. די רייזענדע זענען ארויסגעשפרונגען דורך די פענסטער, עטליכע פרויען האבען געחלש'ט פאר שרעק.

ס'איז באלד אנגעקומען א אמבולאטא-ריום פון דער רעטונגס-געזעלשאפט, וועלכער האט פערבונדען די פערלעצטע און פערוואונדעטע. בסך-הכל זענען 48 רייזענדע, דארונטער עטליכע פרויען, פערוואונדעט געווארען.

א האלבע שעה שפעטער איז אנגעקומען פונ'ם צענטראל-באהנהויף א הילפסצוג מיט באהנערצטע, וועלכע האבען זיך גענומען צו פערבינדען די פערלעצטע.

ס'האט געדויערט א היבשע צייט, ביז מען האט דאס געלייזע אבגערוימט, כדי ווידער צו קענען אויפצונעהמען דעם פערקעהר.

די שולד אין דער קאטאסטראפע טרעפט דעם בעטריעבסבעאמטען טרעשניאווסקי, וועלכער האט אבגעלאזט די לאקאמאטיווע, איידער די ליניע איז געווען פריי.

ס'איז באלד אנגעקומען א געריכטליכע קאמיסיע וועלכע האט אויפגענומען א גענוי פראטאקאל. דער פאל וועט נאך האבען א געריכטליך נאכשפיעל.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א אריגינעל בילד פארשטעלענדיג דעם מאמענט פון דער קאטאסטראפע, לויט א שפעציעלער צייכנונג פאר אונזער בלאט.



א שווינדלערישע באנק: דער דירעקטאר הראמאדקא.

Pierwszy krajowy, hurtowny i częściowy

**Skład Gramofonów**

# Józefa Wekslera

**we Lwowie** — **w Krakowie**
**Sykstuska 2** — **Grodzka 71**
Telefon 2038/II — obok Wawelu

poleca swoje stanowczo **bez szmeru najlepiej grające Gramofony**, oraz płyty z marką »Piszący Aniołek«, uznane przez pierwszorzędnych znawców za **najlepsze i najtrwalsze**



Odznaczona na Wystawie Jubileuszowej we Lwowie w październiku 1908. najwyższem odznaczeniem **Grand Prix**

**Cenniki darmo i opłatnie.**

**20.000** płyt polskich, ruskich i żydowskich zawsze na składzie. **20.000**

**KORZYSTNA WYMIANA PŁYT**

**Części składowe i warsztaty reparacyjne na miejscu**

**Gramofon koncertowy z 10 płytami 60 K.**

Przeróbka lub zamiana Pathéfonów na gramofony, oraz wielki wybór Pathéfonów i płyt.

**Jeneralne zastępstwo**
**Towarzystwa Ack. Gramofonów**
z marką »PISZĄCY ANIOŁEK«

# Mineralwasser!

En gros-Versand! Export nach Russland und Rumanien!
Directe Verbindungen mit den Quellen!!
Nähere Auskunft und Preise gratis und franko!!
1) **N. Traums Sohn, Tarnów,** (Galizien).
2) **N. Traums Sohn, Kraków,** Dietelsg. 46. Tel. 869.
**Gründungsjahr 1864.**

# העברעאישער פערנאונטעררינכט.

דורך מיינע 32 קונסטפֿאלע העברעאישע אונטעררינכטס-בריעפע וועלכע איינען גרויסען טהייל דער העבּרעאישען ליטעראטור אין פראזא אין פאעזיע אונד די גאנצע גראמאטיק אין פערשיעדענען איבונגען ענטהאלטען קאן יעדערמאן דיא העברעאישע שפראכע אין קורצער צייט לייכט אונד גרינדליך אין ווארט אונד שריפט ערלערנען. האבע הונדערטער דאנקזאגונגען פאן שילערן.

פראספעקטע גראטיס. פראבענומער 1 קראנע אין מארקען. אויך אויסלענדישע

**S. Walkowski, Krakau, Miodowa 16**

# Verein „Israelit" in Wien

Genehmigt von der Hohen K. K. Niederösterr. Statthalterei.

## Kundmachung:

Der Verein Israelit in Wien bietet seinen Mitgliedern folgende Vorteile:

1) Heiratsstipendien für deren erwachsene Kinder ohne Unterschied des Geschlechtes.

2) Teilweisen Schadenersatz bei Elementarereignissen, wie z. B. Viehseuche, Ueberschwemmungen, Feuer und Hagelschaden.

3) Versorgung der Familie eines Mitgliedes nach seinem Ableben

4) Erteilt der Verein seinen Mitgliedern Unterstützungen in allen kritischen Lebenslagen.

Wer sich für den Verein im eigenen Interesse oder zwecks Empfehlung von Mitgliedern aus seiner Ortschaft interessiert, wende sich an den **Ausschuss des Vereines Israelit in Wien** II. **Miesbachgasse Nr. 12.**

**איין 8 פפערדיגער גאז-מאטאר**

(סיסטעם לאנגען עט וואלף) אין גוטעם צושטאנדע זאפארט בילינ צו פערקויפען. אויסקונפט אין דער רעדאקציאן דיזעס בלאטעס. אונטער ‚מאטאר‘.



Im Verlage von **F. Simon, Berlin W. 62**

sind erschienen und a **25 Pf.** zu beziehen:

**12 Hefte von Simon's kaufmännischer Universal.Bibliothek**

1. Das Wesen der Buchführung speziell des amerikanisch. Systems
2. Praktische Rechenvorteile
3. Das Geheimbuch und die Detailgeschäftskontrolle (Umwandlung der einfachen Buchführung in die doppelte)
4. Stellenbewerbungs-Korrespondenz mit vielen Bewerbungsbriefen
5. Privat-Buchführung für Chef, Kommis und Lehrling
6. Briefschreibekunst
7.} 8.} Markt-Berichte und Erklärung der Warenbörse
9.} 10.} Prozesskunde mit Formularen (1 und 2 Teil)
11. Verjährung
12. Hypothekenwesen.

**Jedes Heft 25 Pfg.**
und inklusive Porto 28 Pfg. — 34 h. — 17 Kop

**Wechselwesen und Wechselrecht** einfach und übersichtlich 75 Pfg.

**Die einfachste Buchführung** für die speziellen Bedürfnisse des Kleinhandels bearbeitet vom gerichtlichen Bücherrevisor **Ferdinand Simon.** Das praktischste Buch dieser Art. Preis nur 1 M.

**Kalkulations-Wesen** Separat-Abdruck aus meinem Buche »Gründliche Unterweisung« 1 M.

**Bankier u. seine Kundschaft 1,50 M.** (Erklärung der Diskont-, Devisen-, Börsengeschäfte etc.)

Der Versand erfolgt franko, gegen Voreinsendung des Betrages und 20 Pfg. für Porto vom Verlag:

**F. Simon, Berlin W. 62.**

# Wiedeński Bank Związkowy

**FILIA W KRAKOWIE — Rynek Główny, Linia A-B 44.**

Kapitał acyjny 130 milionów Koron. Fundusze rezerwowe 39 milionów koron.

Przymuje **wkładki** w rachunku bieżącym i na **książeczki wkładkowe**. — Podatek rentowy opłaca bank z własnych funduszów. Kupno i sprzedaż papierów wartościowych, walut i dewiz Udziela pożyczek wekslowych i na zastaw papierów. Przyjmuje walory w przechowanie. Wypłaca kupony i wylosowane efekta. Przyjmuje wszelkie zlecenia giełdowe. Udziela ustnych i pisemnych wskazówek w tym kierunku.

זאנדערוואגען דער עלעקטר. טראמוויי פאן אונד נאך דעם צירקוס.

דער צירקוס איזט מיטעלס איינענער עלעקטרישער ליכטאנלאגע מיט 20 באגענלאמפען אונד 1500 גליהלאמפען פ.:ענהאפט עלעקטריש בעלייכטעט. דיא פלעטצע זינד בעקוועם אונד קאמפאדטאבעל איינגעריכטעט אונד זינד דיא צושויער געגען אלע וויטערונגס-פערהעלטניסע אבסאלוט זיכער געשיטצט.

# נור 10 טאגע אין קראקוי נור 10 טאגע אין קראקוי

דער גרויסע פראנצעזישע

# צירקוס אנגעלא

## דירעקטריצע עט פראפריעטאירע: ממע. סאלאנגע ד'אטאלידע.

אייראפא'ס גרעססטעס אונד עלעגאנטעסטעס פערגניגונגס-עטאבליססעמענט.

צוויי צירקוס-אונטערנעהמען אללערערשטען ראנגעס. וועלכע אללערארט מאנאטעלאנג גערארעצו סענזאציאנעללע ערפאלגע עררונגען אונד פאן דער געזאמטען פרעססע איינשטיממיג אלס אויסערגעוועהנליכע עלעגאנטע, אין דען לייסטונגען אינעררייכט דאשטעהענדע צירקוססע בעצייכנעט וואורדען.

| | | |
|---|---|---|
| **נאהע 300 פערזאן**<br>נור ערסטקלאסיגע קונסטקרעפטע | פערנער אינדישע אונד אפריקאנ. עלעפאנטען, וואלפסיענער, הונדע, אפען, שוויינע.<br>**10 ריעזענצעלטע 10**<br>מיט דעם הויפטצושויערצעלט פיר 6500 בעזוכער. | **גר. רייכהאלטיגער מארשטאל**<br>עדעלסטער פרייזגעקרענטער ראססעפפערדע. |

**! זאמסטאג דען 10 יולי אבענדס $8\frac{1}{4}$**

**ערעפנונג** דיעזעס ריעזען-פערגניגונגס-עטאבליססעמענטס מיט 25 דער בעסטען אטראקציאנס-נומערן 25
יעדער ארטיסט איין שטערן!
יעדער אויפטרעטענדע איינע קאפאציטעט!

**! זאמסטאג דען 10 יולי אבענדס $8\frac{1}{4}$**

## איין שטיק פאריזער סאלאן אין דער מאנעגע!

סענזאנציאנעלעס אויפטרעטען פאן

# ממע. סאלאנגע ד'אטאלידע

מיט מאדערנען מאסטען-פרייהייטסדרעססורען פאן 1, 2, 4, 6, 8, 12, 16, 5 פפערדען אין העכסטער פאללענדונג.

**איבעראל שטארטנעשפרעך. די גרעסטע ועהענסווירדיגקייט דער יעצטצייט. די אטראקציאן דער אטראקציאנען.**

## 10 מאהאמעד בען מעדאני אראבס (די זוהנע דער וויסטע) 10

עכטע אראבער! דיא בעסטען שפרינגער, די גראסארטינסטען אקראבאטען, די יע אויסגעטרעטען! די וואגהאלזיגסטען, אונפערגלייכליכען פיראמידיסטען, דיא דיא וועלט יע געזעהען.

| | | |
|---|---|---|
| **מללע. יעאנעטטע** די גראציעזע פארפארצע-רייטערין.<br>**טשערקעססען-רייטערשפיעלע.**<br>אויסגעפיהרט פאן מאנס. נאבריעל | **דער קאנאנענקעניג**<br>מארקיזס ... ליעבלינג זר. מאי. ... מיקאדא. | **מר. וויליאם.** ענגלישער שאמפיאן-שאקעי.<br>**האהע שולע.** געריטטען פאן הערן **יאנסלי.** |
| דער שטאלץ דעם קויקאזוס!<br>דער טאללקינסטע אללער נאטור-רידער!<br>**פארטאצעה,** דער פערוועגענע רוסס'שע סטעפפען-בליטצרייטער | **דרעסירטעס שוויין**<br>פארגעפיהרט פאן ליטטלע אלפ-עד. | **פליעגענדע מענשען.**<br>סענזאציאנס-אקט דעם קיסעללי-טריא.<br>קיינע מעכאניק. קיינע דראהטסייסען. ווירקל. מענשען. |
| **סיבירישע וואלפסיענער**<br>פרעזענטירט פאן<br>מללע. אוסאשקין. | ה' הוגא רענץ מיט זיינע אין פרייהייט קאנקורענצלאז דרעסירטען<br>**עלעפאנטען**<br>**מיסס מאבעל,** דראהטזיילקינסטלערין אללער-סטען ראנגעס. | **רעטטור פאן דער שניטצעליאגד**<br>פערוועגענע רייטשפארט-סצענע, געריטטען פאן הערן קאנראד. |

| | |
|---|---|
| **לעס לעאנד'ראס,** דאס וואונדער וויבליכער קראפט. | **ארלאם** דאס בעריהמטע סיסטאן פפערד געריטען פאן הערן יאנסלי. |

| | |
|---|---|
| עכטע כינעזען **באא זעע'ס** וועלט-בעריהמטע **כינעזען-טרופפע**<br>אלס פערבליפפענדע צאפף-אקראבאטען, אונעררייכטע עקוויליבריסטען, שטויגענערענענדע מעססער-ווערפער. עקסצעללענטע צויבערקינסטלער. בריללאנטע שאנגלייע. סענזאציאנעלע רעקקינסטלער. | **5 אריגינאל-אויגוסטע**<br>זאוויע דיא קלאוונס שאקאלארע, פיפע, לאנדראווסקי, קירך אונד אלפרעדא, פערנער דאס איבריגע, גראססע, איינענט פיר זיך ענגאשירטע קינסט-ער-ענזעמבלע. |

**פרייזע דער פלעטצע:** פרעמדענלאשענזיטץ (גומער ערט) קראנען — 5, לאשענזיטץ (נומעריערט) ק. —.4, שפערזיטץ (נומעריערט) ק. 3·50 — 1 פלאטץ ק. —.2, 2 פלאטץ ק. 1·40 גאלעריע 60 ה. קינדער אונטער 13 יאהרען אונד שטודענטען צאהלען נאכמיטטאגס האלבע פרייזע. די צירקוס-קאססע איזט טעגליך געעפנעט פאן 10 אוהר אונא גיעדבראכען ביז נאך שלוס דער אבענד-פארשטעללונג. — דיא בילעטטע האבען נור צו דער פארשטעלונג גילטיגקייט, צו וועלכער זיא געלעזט ווערדען, אונד ווירד געלד פיר געלעזטע בילעטטע ניכט צוריקגעצאהלט.
בילעטען-פארפערקויף פיר די אבענד-פארשטעלונג ביז 6 אוהר אין דער **הויפט-טראפיק.**

פיאנראמע צום פרייזע פאן 25 ה. ווינד אים צירקוס צו האבען.—פארציגליכעס רעסטוראנט אים צירקוס.—דאס רויכען אים צירקוס איזט פאליצייליך פערבאטען.

**4 אוהר** זאנטאג 11 יולי יע 2 גראססע בריללאנטע גאלא-פארשטעללונגען
נאכמיטאגס 4 אוהר אונד אבענדס $8\frac{1}{4}$ אוהר מיט פאלשטענדיג נייעם האכאינטערעסאנטען פראגראם. — אין דער נאכמיטאגס-פארשטעלונג צאהלען קינדער האלבע פרייזע. **$8\frac{1}{4}$ אוהר**

נאכמיטאגס ווי אבענדס 25 דער בעסטען אבענדנומערן דעס רעפערטאירס.—די נאכמיטאגספארשטעלונגען זינד איינענס פיר די בעזוכער דער אומגעגענד אראנשירט.

טעגליך פאן 10—12, זאנטאג פאן 11—12 עפענטליכע פראבע רעשס. שטאלבעזיכטיגונג. ענטרע 25 העללער. פיר קינדער 10 העללער.

טעגליך אבענדס $8\frac{1}{4}$ אוהר: עליטע-פארשטעלונג. — מיטוואך ואמסטאג אונד זאנטאג יע 2 עליטע-פארשטעלונגען, נאכמיטאג 4, אבענד $8\frac{1}{4}$ אוהר.


Wydawca: M. Fischer. — Odpowiedzialny redaktor: J. Kreppel. — Drukarnia Józefa Fischera w Krakowie.